# איין מאנאטיגע באהאנדלונג פאר פארצויגענע טובערקיולאוסיס אינפעקציע: איסאוניעזיד און ריפאפענטין אינפארמאציע פאר פאציענטן

די איין מאנאטיגע באהאנדלונג פלאן פאר אנגייענדע טובערקיולאוסיס (latent tuberculosis, TB) באשטייט פון צוויי מעדיצינען — **איסאוניעזיד** און **ריפאפענטין** — וואס קומען אין עקסטערע טאבלעטן און ווערן גענומען צוזאמען.

- נעמט די טאבלעטן דורכ'ן מויל יעדן טאג פאר 28 טעג.
- נעמט פיר ביז זעקס טאבלעטן יעדן טאג, געוואנדן אין אייער פארשריבענע דאזע.
- נעמט אלע טאבלעטן אין די זעלבע צייט יעדן טאג צוזאמען מיט עסן.

## ווער קען נישט נעמען איסאוניעזיד און ריפאפענטין?

אייער העלט קעיר פראוויידער וועט אייך לאזן וויסן אויב איר קענט נעמען איסאוניעזיד און ריפאפענטין. איר וועט נישט קענען נעמען די מעדיצינען אויב איר:

- זענט יונגער פון 13 יאר אדער וועט ווייניגער ווי 66 פונט (30 קילאגראם).
- באקומט יעצט הויך-אקטיוו אנטי-ווייערל טעראפי פאר HIV .
- זענט טראגעדיג, פלאנט צו ווערן טראגעדיג, אדער פיטערט א קינד.
- האט באשטעטיגטע אדער פארדעכטיגטע אקטיווע TB קראנקייט.

## וואס איז אויב איך נעם אנדערע מעדיצינען אדער באקום באהאנדלונג פאר אנדערע געזונטהייט פראבלעמען?

זאגט פאר אייער פראוויידער אויב איר:

- נעמט סיי וועלכע אנדערע מעדיצינען, אריינגערעכנט הערבעל מעדיצינען, איבער-די-קאונטער (נישט פארשריבענע) מעדיצינען, וויטאמינען, און געבורט-קאנטראל.
- האט סיי וועלכע אנדערער קראנקהייט אדער געזונטהייט צושטאנד אדער באקומט באהאנדלונג פאר סיי וועלכע אנדערע קראנקהייט אדער געזונטהייט צושטאנד.

## וואס נאך זאל איך וויסן וועגן איסאוניעזיד און ריפאפענטין?

- נעמט **נישט** קיין מעדיצינען וועלכע ענטהאלטן אסיטעמינאופען (Tylenol) און טרינקט נישט קיין אלקאהאל בשעת'ן נעמען איסאוניעזיד און ריפאפענטין.
- ריפאפענטין קען ענטהאלטן קליינע סומעס פון אומריינע מאטעריאלן גערופן ניטראזאעמינס, וועלכע געפונען זיך אפט אין וואסער און אין עסן. פונדעסוועגן, זענען די בענעפיטן פון נעמען ריפאפענטין גרעסער ווי די ריזיקעס וואס די אומריינע מאטעריאלן קענען שטעלן.

- רעדט צו אייער פראַוויידער אויב איר האָט סיי וועלכע זאָרגן איבער נעמען איסאָוניעזיד און ריפאַפּענטין.

## וואָס זענען די זייט ווירקונגען פון איסאָוניעזיד און ריפאַפּענטין?

אויב איר האָט סיי וועלכע פון די זייט ווירקונגען, פאַרבינדט אייך מיט אייער פראַוויידער:

- שווינדלען
- איבלונג
- ברעכן
- פּאַרמאַטערטקייט (זיך שפּירן מיד)
- הויט אויסשלאַג
- פאַרלוסט פון אַפּעטיט
- מוסקל אָדער דזשוינט ווייטאָג
- פיבער
- רויטע טרערן, שווייס, אָדער יורין
- בויך ווייטאָג אָדער אומבאַקוועמליכקייט
- נידעריגע בלוט־צעלן צופּערן
- געהעכערטע לעבער פונקציע טעסטס

## וואו קען איך באַקומען מער אינפאָרמאַציע?

רופט די TB טשעסט צענטער וואו איר ווערט באַהאַנדלט:

- **Corona:** 718-396-5134
- **Morrisania:** 718-838-6876
- **Fort Greene:** 718-249-1468

פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער TB, באַזוכט nyc.gov/health/tb.

Yiddish 1.25